א מת, ליעג־זשע רוהיג צום שווארצען יאָהר!" און גיט איהם א פּאָר קלעפּ מיט'ן גראָבען שטעקען. דאָס מת טהוט א זיפּ'ץ און בלייבט שטיל ליגען. איז זיך רבי טודרוס גאָר מְהַיֶה און זאָגט: "עך בעט דעך איבער'־מת־לעבען, פאר די פאָר קלעפּ. עך זעה טאַקי אַז דו ביזט א בַּעַל־דֶרֶךְ אֶרֶץ". גאַנץ פריה, לְאוֹר הַיוֹם, פאַלט דער עוֹלָם אריין און וויל זיך מאַכען א קערמעשעל. איז זיך מְיַשֵׁב ס'מֵת און ריהרט זיך גאָר נישט. ווערט א גוואַלט, א געפּילדער און מ'שלעפּט דעם מַזָל'דיגען האָז צו'ם שוֹפֵט. טַעֲנֶה'ט רבי טודרוס: "רַבּוֹתַי, עך וויס קיין הָכְמוֹת נישט. פון אָבוֹת־אֲבוֹתַי וויס עך אַז א אָרענטליכער מֵת דאַרף ליגען רוהיג. האָט דער שקאָץ אָנגעהויבען זיך צו מאַכען כַּתָבוֹת'ליך, האָב עך'ם א פּאָר מאָל דערלאַנגט, אַז ער האָט זיך באַלעקט". האָבען זיי איהם אַרויס־געלאָזט און מ'איז איהם פון דערנאָך תָּמִיד זעהר צופריעדען געווען.

ש.

---

## זִינְג, מְשׁוֹרֵר.

זִינְג, מְשׁוֹרֵר, זִינְג אַ לִיעדֶעל
פְרֶעהלִיךְ אוֹיף דַיין מוּטֶער־שְׁפְּרַאךְ,
וַוארְף דַיין לִירֶע, נֶעהְם אַ פִידֶעל,
קֶענְסְט דָאךְ לִיעדֶער גָאר אַ סַךְ.

זִינְג אוּנְז לִיעבֶּע זִיסֶע, רֵיינֶע,
קְרֶענְצֶען פְלֶעכְט אַ יוּנְגֶען הֶעלְדְ,
פְרִיהְלִוּנְג, בְּלוּמֶען פַייכְטֶע, שֶׁענֶע,
שֶׁען פְרִיה־מָארְגֶען אוֹיפְ'ן פֶעלְד.

זִינְג! וֶעה אַלֶע וָאגֶען שִׁירָה
פְרֵיידֶען־לִיעדֶער מָלֵא חֵן,
נָאר דוּ אֵיינֶער הָאלְסְט אַ לִירֶע,
דוּ נָאר הַאלְסְט אַ לִירֶע אַלֵיין.

* * *

אִין אַ אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט שְׁטִיבֶעל,
אִין אַ וָואלְקֶענְדִיגֶער נַאכְט,
הָאט מַיין מוּטֶער מִיךְ גֶעבּוֹירֶען,
הָאט מִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעבְּרַאכְט.

אִין אַן אַלְט צוּבְּרָאכֶען שְׁטִיבֶּעל,
פְרֵיי שְׁפַּאצִירְט דָארְט רֶעגֶען, קֶעלְט,
הָאט מַיין מוּטֶער מִיךְ גֶעבּוֹירֶען,
הָאט גֶעבְּרַאכְט מִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אוֹיף מַיין וִויגֶעל הָאט מַיין מוּטֶער
מִיר גֶעזוּנְגֶען טְרוֹיֶער־לִידֶער
און מִיט טְרֶעהרֶען, הֵייסֶע טְרֶעהרֶען,
אָפְּגֶעוַואשֶׁען אַלֶע גְלִיעדֶער.

נִיט גֶעגֶעבֶען הָאט מַיין מוּטֶער
מִיר אַן אָרְט דֶעם קָאפּ אָנְשְׁפַּארֶען,
נָאר אַ שְׁטֶעקֶען, נָאר אַ טָארְבֶּע
מִיט אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אַ דַארֶען.

„גֶעה" מַיין קִינְד, אוֹיף אַלֶע זַייטֶען,
„גֶעה" אִיךְ קֶען דִיךְ נִיט פֶערְזָארְגֶען —
„לוֹיטֶער וֶוערֶען מוּז דֶער הִימֶעל,
„קוּמֶען מוּז אַ שֶׁען פְרִיה־מָארְגֶען"

און אִיךְ וַואנְדֶער אִיבֶּער וֶועלְדֶער,
דָארְט וואוּ בֵּייזֶע חַיוֹת קְלַאגֶען,
און דִי נַאכְט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ פִינְסְטֶער,
פִינְסְטֶער הוֹיבְט נִיט אָן צוּ טָאגֶען...

נֵיין, נִיט אִיךְ קֶען פְרֶעהלִיכֶס זָאגֶען,
אוֹיף אַ פִידֶעל זָאגֶען שִׁירָה —
קְלַאגֶען, וֵויינֶען, גִיסֶען טְרֶעהרֶען
מוּז אִיךְ אִימֶער אוֹיף אַ לִירֶע!

י. ד. ריזבערג.

---

## דִי גְרַאמֶען פוּן אַ יוּדִישֶׁען דִיכְטֶער.

נִיט לַאכְט פוּן מִיר, בְּרִידֶער,
וָואס אִין מַיינֶע לִיעדֶער,
בֶּעגֶעגֶענְט אִיהְר הֶערְץ
גֶעגְרַאמְט רַק מִיט שְׁמֶערְץ.
אִיהְר זָאגְט: מִן הַסְתַּם —
דָאס פַּאסְט אִיהְם צוּם גְרַאם...
וָואלְט פְרֶעהלִיךְ גֶעוֶוען,
וָואלְט אִיהְר אַלֶע זֶעהְן,
וִוי אִיךְ וָואלְט מַיין „הֶערְץ"
אוֹיךְ גְרַאמֶען מִיט שֶׁערְץ...
און נִיט נוּר דָאס הֶערְץ
גְרַאם אִיךְ עֶס מִיט שְׁמֶערְץ —
דִי לִיכְטִיגֶע „שְׁטֶערֶען"
זֵיי גְרַאם אִיךְ מִיט טְרֶערֶען,
דֶעם פְרֶעהְלִיכֶען זוּמֶער —
מִיט פִינְסְטֶערֶען קוּמֶער...
דָאס שְׁטַאמְט, וַוייל מַיין „לִיעד"
אָ, גְרַאמְט זִיךְ מִיט „יוּד"!...

א. רייזען.

---

## די יודישע וועלט.

עסטרייך. *** ווי מיר האָבען אין דער לעצטער נומר בעריכטעט איז דער יודישער שוסטער הילזנער פון פּאָלנא פֿעראורטיילט געוואָרען צום טויט וועגען ערמאָרדונג פון א קריסטליך מעדעל, און דער המון־עם פון דער גאנצער געגענד איז כמעט איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען איין ריטואַלמאָרד. ביים פּראָצעס האָבען א סך עדות געזאָגט, אַז דאָס געהרג'טע מעדעל איז זעהר שטארק געווען און ס'איז נישט מעגליך אַז אזא שוואכער מענש ווי הילזנער זאָל זי אליין האָבען געהרג'עט. פון דעם האט מען געדרונגען אַז הילזנער האָט נאָך געהאט אנדערע מיטהעלפער און די אַנטיסעמיטען האָבען בעהויפּטעט אַז דאס איז אַוראי געווען א שוחט אָדער א ראבינער, וועלכע האָבען דאָס בלוט מיטגענומען צום רעליגיעזען צוועק. ערשט אַפאָר טאָג נאָכן משפּט האָט הילזנער זיך געמעלדעט ביים ריכטער אַז ער וויל מודה זיין ווער ס'האט דאס מעדעל געהרג'עט. ער האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען 2 יודען, ערבמאן און וואסערמאן, וועלכע זענען באלד דארויף אַרעסטירט געוואָרען. ווי ס'האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, איז איינער פון די בעשולדיגטע דאמאלס ווען דער מאָרד איז געשעהען געווען אין שפּיטאל און דער צווייטער האט אויך בעוויזען אַז ער איז דעם טאָג געווען אין א אנדערער שטאָדט. מען זאָגט אז הילזנער האט נור דארורך אָנגעגעבען די צוויי מענשען פאר מיטשולדיגע, ווייל מען האט איהם געשראָקען דערמיט וואָס אין הויף פון קערקער ווערט שוין געמאַכט די תליה איהם אויפצוהענגען און ער האט געוואָלט דאדורך פערצעגערען זיין טויט. נאכדעם ווי דיביידע יודען האבען אין געגענווארט פון הילזנער זיך אויסגעוויזען, אַז זיי זענען נישט שולדיג, האט הילזנער אויך צוריקגעצויגען זיין אנקלאגע קעגען זיי און ער האט אויפ'ס ניי אנגעהויבען אָפּלייקענען דעם גאַנצען מאָרד און ווידער פערזיכערען אַז ער ווייסט פון גאר נישט.